בס"ד

# אידישקייט

נקודות למחשבה צו איבערקלערן אונזער אידישקייט סטאטוס

#7
פרשת
שמיני
תשפ"ב
לפ"ק

## 2 האטליינס – מאגאזינען – און צייטונגען

ציטונגען וויאזוי האט עס געארבעט פארצייטנס? וויאזוי האט זיך דאס אנגעפאנגען און אנטוויקלט?

# פארשרייבן געשעהענישן איז געווען זייער א שווערע עבודה, אויסקריצן אויף שטיינער אדער מגילות



ביז פאר עטליכע הונדערט יאר צוריק, פלעגן ווערן אפגעשריבן דורך היסטאריקער נאר היסטארישע געשעהענישן און פאסירונגען וועלכע האבן פאסירט פון צייט צו צייט, ווארשיינליך נאכ'ן באפוילן ווערן דורך קעניגרייכן, למשל ביי די מצריי'שע קעניגן מיט עטליכע טויזנט יאר צוריק טרעפט מען שוין אפגעשריבענע היסטארישע פאסירונגען אויסגעקריצט אויף שטיינער, דערנאך איז דאס אריבער אויך אויף אפגעשריבענע מגילות, וואס דאס איז געווען אן עבודה פאר זיך.

אין דער היינטיגער פארגעשריטענער וועלט איז אבער פאר אונז אידישע קינדער נאך אלץ גוט באקאנט, וויאזוי און וויפיל צייט עס נעמט ביז מען שרייבט אראפ אויף פארמעט א זאך, אזוי ווי די הייליגע ספר תורה, תפילין, און אנדערע כתבי קודש וועלכע ווערן געשריבן אויף פארמעט, וואס דאס פאדערט א שווערע לענגערע עבודה, אויסצוארבעטן פעל פון א בהמה, עס אפשינדן, אפקראצן, דין מאכן, ווייקן אין קאלך כדי עס צו ווייס מאכן, כדי עס זאל נישט זיין צו האריג, נישט צו גלאט, נאכדעם קומט צו מאכן די 'טינט' נישט צו געדיכט, נישט צו פליסיג, און דאן קומט די עבודה פון שטעלן א 'קולמוס' א פעדער צו שרייבן, עסד אויסשניצן אז דער 'שפאלט' פון קולמוס זאל געלונגען וכו' כידוע ליודעי סת"ם, פארשטייט זיך אז אויב אזוי לאנג און שווער און טייער האט גענומען אין די אלטע צייטן אן עבודה פון שרייבן, איז אינגאנצן נישט געקומען אין באטראכט צו שרייבן טעגליכע נייעס אין טויזענטער קאפיס.

און אפילו שוין נאך דער ערשיינונג פונ'ם דרוק 'חכמת הדפוס' האט זיך געפאדערט שווערע און טייערע עבודות ביז מען האט זיך דערזעהן צו איין סטענצל פון א בלאט, וואס אט דאס האט מען איבערגענוצט פילצאליגע מאל, אבער אוודאי נישט אויף צו שרייבן טעגליך נייעס, ממילא האט מען דעמאלט נאר זייער זעלטן אפגעשריבן היסטארישע געשעהענישן, ווען קעניגרייכן און היסטאריקער האבן געוואלט פאראייביגן א געשעהניש.

## נייע עפאכע 'געשריבענע נייעס'

מיט עטליכע הונדערט יאר צוריק האט זיך אנגעפאנגען די עפאכע פון 'געשריבענע נייעס' און פאסירונגען, ווען די חכמת הדפוס איז שוין געווארן מער און מער פארגעשריטן און אנטוויקלט, און צו דעם איז צוגעקומען אויך די 'חכמת הפאפיר' צו צעברעקלען האלץ אויף פיצי פיצלעך און דאן דאס צוקלעבן מיט פליסיגקייט, וואס די לאנד כינע האט עס ערפינדן וואס דאס האט אויך פיל צוגעגעבן דערצו, עס האט אנגעפאנגען צו ערשיינען יעדע פאר טעג נייעס און פאסירונגען וועלכע קומען פאר איבער'ן לאנד

און איבער דער וועלט, די מענטשהייט האט זיך צוגעכאפט דערצו, איבערהויפט די וועלכע זענען געווען מער עדיקטעד צו נייגעריגקייט און צו הערן נייעס, ביז דאן האבן זיי דאס געקענט הערן נאר פון נייגעריגע מענטשן ווי למשל דער 'נייעס מענטש פון שטאט'

## די סצענע פון דער 'נייעס מענטש' אין שטעטל

לאמיר אריינטראכטן די סצענע וואס פלעגט זיין ביז דעמאלט, עס זענען ווארשיינליך געווען אין יעדן שטעטל מענטשן וועלכע האבן געוואוסט 'נייעס' פון דער וועלט די ערשטע פאר אלעמען, די מענטשן זענען ווארשיינליך געווען די מענטשן וועלכע זענען געבענטשט געווארן מיט עטליכע נאטורן, ווייל דער פאך פון וויסן וואס עס קומט פאר איבער דער וועלט האט געפאדערט עטליכע מעלות: 1) 'נייגעריגקייט'. 2) 'לידיג גייער' דאס מיינט גיין ליידיג און האבן גענוג צייט, וואס דאס קומט דורך נישט האבן צו א טויגליכע פאך וועלכע פערנעמט צופיל צייט און צופיל קאפ ווייל דאס שטערט די עבודה פון צוזאמקלויבן נייעס. 3) 'אויספרעגן' יעדן גאסט אין שטעטל און ארויסקוועטשן פון אים אלע אינפארמאציע. 4) א גאר שטארקער 'זכרון', א בור סיד שאינו מאבד טיפה. 5) 'האבן 'זעלבסט זיכערקייט' צו קענען שטיין און דערציילן נייעס פאר פארזאמלטע קופקעס וועלכע ציילן זיך צומאל פון איינצלנע און צומאל פון שווערע צענדליגער איבערהויפט למשל ביי מלחמה צייט א.ד.ג.

יעדע שטעטל האט זיך געהאט זיינע 'נייעס מענטשן', וואס זיי זענען געווען די 'ערשטע' וועלכע האבן געברענגט די נייעס אין שטעטל איבער דער מלחמה און יענער מלחמה, דער פאסירונג און יענער פאסירונג, פארשטייט זיך אז צו זיין זייערע חברים און נאנטע האט זיך געוואנדן לויט די נייגעריגקייט פון יעדן מענטש, עס זענען געווען מענטשן וועלכע מען האט אייביג געזעהן שטיין נעבן די נייעס ברענגער, זיי האבן אוועקגעגעבן אפאר גוטע שעות א טאג דערויף, מען האט זיי געזעהן שטיין און שמועסן ביז אין די טיפע נאכט שעות. קינדער וועלכע זענען אויפגעוואקסן אין שטעטל פלעגן אייביג האבן אין זייערע יוגנט זכרונות ווי די מענטשן פלעגן שטיין אין קופקעס אין די טונקעלע נאכט שעות. ווען קיינער האט זיך שוין נישט דערוואגט צו גיין אויף דער גאס, פלעגט מען זעהן טונקעלע שאטנ'ס שטופן זיך זיך ארום דעם נייעס מענטש איינגעבויגן כדי נישט צו פארפאסן א ווארט פון נייעס.

## נייער געדאנק 'געשריבענע נייעס'

אט איז געקומען דער נייער געדאנק 'געשריבענע נייעס', עס איז ארויסגעקומען א ריזיגער 'בלאט' מיט געשריבענע נייעס, נייעס וועלכע קומען פאר בארבע כנפות הארץ, די זאכן וואס מען פלעגט ביז היינט הערן פון 'דער נייעס מענטש אין שטעטל' אדער פון די שכנים און נאנטע ביי אים אין שטעטל, אט די נייעס קען מען שוין ליינען געשריבן.

פארשטייט זיך אז יעדער איינער האט געדארפט פאסן א באשלוס צו ער זאל טאקע אנהייבן צאלן געלט כדי צו ליינען נייעס, נאך אלעם אויב האט ער קוים צו דעקן דעם טאג טעגליכן לעבן דארף מען זעהן ווי וויכטיג דאס איז. די וועלכע האבן זיך יא געקענט ערלויבן מער און האבן געקענט צאלן געלט און לעבן ברייטער זיי האבן געקענט באשטיין צו קויפן "נייעס" פאר געלט, צוביסליך צוביסליך איז אויסגעפארעמט געווארן די נייעס אונטער'ן נאמען 'צייטונג', און האט זיך מער און מער פארשפרייט, ביז עס איז געווארן אן אומאפהענגיגער טייל פונעם לעבן, אזוי אז ביי יעדן גוי איבער דער וועלט איז דאס אריינגעקומען צו ווערן זיין לעבנ'ס סטיל, אזוי ווי ברויט און פוטער.

## רעגירונגען כאפן אויף דעם אויסטערלישן כח פון די "געשריבענע טרוקענע נייעס"

צוביסליך האבן רעגירונגען אנגעהויבן איינצוזעהן אז פון די איינגעדארטע 'אפגעשריבענע נייעס בלעטער' גייט צוביסליך איינעמען די וועלט, אט דאס גייט מאניפולירן די וועלט, אט די געשריבענע נייעס זענען אויסגעוואקסן בליץ שנעל אלס א זאך וואס פירט אן דעם גאנצן הלוך ילך פון לאנד, די רעגירונגען האבן דאן אנגעהויבן אינוועסטירן אומגעהויערע כוחות כדי אנצופירן און איבערנעמען די געשריבענע נייעס פאפירן, מיט'ן ציל צו קענען מאניפולירן די 'טרוקענע נייעס' און געשעהענישן וועלכע האבן פאסירט, כדי עס זאל אלעמאל זיין גינסטיג צו זייערע אגענדע'ס


LATEST SPECIAL
London Herald
FULL REPORTS
TUESDAY 16th APRIL 1912
TITANIC SINKS
Great loss of life
World's Greatest Liner Strikes Iceberg
Titanic – The Tragic Story
Mackintosh's
'Toffee de Luxe'

און דינען זייערע צילן, זיי האבן גוט אויפגעכאפט וויסנדיג אז אין די נייעס וועט זיין אנגעהאנגען דער גאנצער עקזיסטענץ פון צוקונפטיגע געוועלטיגער אין די מדינות, און אויב וועט דער איצטיגער מושל און קעניג זיין געדעקט גינסטיג אין די געשריבענע פאפירן, וועט זיין אנזעהן וואקסן זייער שטארק ביים פאלק אלס דער העלדישער און מעכטיגער געוועלטיגער אין לאנד, וואס אט אין דעם ווענדט זיך זיין עקזיסטענץ.

דאן איז אריינגעקומען דעמאקראטיע און פרייהייט אין דער וועלט, וואס דאן האבן זיך געטוישט די געזעצן, און עס איז געווארן אז געשריבענע נייעס אדער שוין מער פארגעשריטענע עפאכע פון ראדיא פלאטפארמע'ס זענען געווארן אומאפהענגיג צו א רעגירונג, נאר זענען ריכטיגע אויטענטישע 'טרוקענע נייעס', וואס מען קען גלייבן באמת.

אבער היינט צו טאג'ס ווייסט יעדער אז דער געזעץ איז טאקע געזעץ, אבער אין רובא דרובא פעלער, ווערט מען געוואויר אז עס ווערן 'ליידער' פארלעצט די געזעצן, און אט דאס זענען די געפעכטן כסדר אינערהאלב אלע גרויסע פארטייען, ווען יעדער פארטיי קויפט אפ א נייעס פלאטפארמע, אדער מאכט אפמאכן מיט זיי שטילערהייט און אונטער שטרענגע געהיימניס, און דער צייטונג שטעלט אייביג ארויס א פנים, ווי גלייך ער שרייבט אייביג נאר "אן שוחד" אפילו נישט 'שוחד דברים' און 'שוחד מחשבה' ח"ו, ער האט נישט קיין שום אינטערעס שבעולם צו דער פארטיי זאל ארויפגיין אדער אראפגיין, ער ברענגט בלויז "טרוקענע נייעס".

און מיט די צייט קומט די קעגנערישע פארטיי און "דעקט אויף" אז מען האט דערוויסט אז שוין א לענגערע תקופה, האט יענער פון דער קעגנערישער פארטיי אונטערגעקויפט און אונטערגעשטעלט נייעסן אין יענער און יענער נייעס פלאטפארמע און אין יענער און יענער נייעס נעץ, יענער איז געכאפט געווארן אז ער האט געצאלט פאר דעם נייעס נעץ מען זאל אים דעקן פאזיטיוו.

נייעס פלאטפארמעס האבן היינט די גרעסטע ווירקונג אין דעם גאנצן צוקונפט פון מלוכות און קעניגרייכן, פרעזידענטן און מיניסטארן, פארטייען און שטאטראטן, און יעדער געזעץ ווערט אויסגעפארעמט דורך די נייעס פלאטפארמעס, וואס דארטן ווערן אריינגעלייגט אלע כחות און מוחות שווענקענישן, דער המון עם ליינט מיטן גרעסטן צוטרוי יעדעס ווארט פון 'טרוקענע פאקטן' וועלכע זענען געשריבן געווארן דורך 'אויסגעארבעטע מענטשן' וועלכע האבן נישט קיין שום שוחד אין זיך, און ווערן נאר באצאלט אנצוהאלטן די עבודת הקודש...

## אמעריקע רוסלאנד און אוקריינע

די מערסטע וועלכע קענען ליינען צווישן די שורות זענען די שרייבער און רעפארטער, זיי

ווייסן און לערנען זיך וויאזוי מען באארבעט גוט די מענטשהייט, ווען דו ווילסט באאיינפלוסן א מענטש, דאן לייג אריין קאפ און מח און כח אין דער העדליין, מאך דאס קורצער פון קורץ, זיי דער ערשטער צייטונג וואס פארשפרייט די שרייענדע נייעס, וואס דאס גייט מאכן די נייעס גינסטיג לויט וויאזוי דו ווילסט.

אוקריינע מאכט העדליינס וואס עס איז אריינגעלייגט דערין פיל קאפ און מח וויאזוי אריינצוברענגען האס קעגן רוסלאנד, און אויפהייבן דעם מאראל פון דעם אוקריינער פאלק, זיי האלטן אין איין אויסרעכענען וויפיל זיי האבן שוין אריינגעקנאקט אין די רוסן, דאקעגן די רוסן לייגן פאר זייער מעכטיגער פארשריט וויפיל שטעט זיי האבן אונטער זייער קאנטראל, און וויפיל זיי מוזן מאכן דעם שריט כדי צו פארזיכערן דאס זיכערהייט פון רוסלאנד וואס שטייט אין געפאר, אמעריקע פארשפרייט זייערע נייעס העדליינ'ס כדי צו אונטערהאקן די רוסישע אגרעסיוקייט, און יעדער נייעס וואס ווערט ארויסגעגעבן פון דער שפיאנאזש אפטיילונג איז געצילט צו טוישן זאכן און אראפקנאקן דעם רוסישן פרעזידענט פוטין, אזוי אז נייעס פירט היינט די וועלט אומעטום.

עכ"פ די נייגעריגקייט פון דער מענטשהייט צו וויסן נייעס איז געווארן זייער שטארק און מעכטיג, אזוי אז יעדער שפילט אויף אט דער גלוסטעניש פון דעם מענטש צו הערן נייעס און נאך נייעס, און מען פרובירט דאס צו מאכן אינטערעסאנט מער און מער, און אזוי ארום פאנגט מען אריין דעם מענטש צו זיך, און אזוי ארום ווערט דער מענטש מער און מער עדיקטעד און דער מענטש ווערט משועבד רוחו נפשו צו דער נייעס פלאטפארמע.

## ביים אידישן פאלק

להבדיל ביים אידישן פאלק וועלכע זענען צעשפרייט אינעם לאנגן גלות איז אויך געווען 'וילמדו מעשיהם' לײדער, אידן וועלכע האבן געוואוינט אין א שטעטל און האבן מיטגעהאלטן די נייעס פון די דעמאלטיגע גוי'אישע צייטונגען, איז נאך געווען א האלבע צרה, ווייל די גוי'אישע צייטונגען פון דעמאלט זענען געווען נישט מער ווי א פאר קארגע נייעסן און גאר ווייט אוועק פון דער היינטיגער נידריגקייט, אויסער דעם האט מען נישט אזוי געגלייבט יעדן אות פון א צייטונג, א איד פון רוסלאנד למשל האט גוט געוואוסט וויפיל פראצענט מען דארף גלייבן די 'טרוקענע נייעס' פון דער צייטונג.

דאס ערגסטע פון אלעם ביי אידן איז געווען די משכיל'ישע באוועגונג, די חכמים להרע האבן אויסגעפונען אז אויב מען וויל באקומען הערשאפט אויפ'ן כלל ישראל, זיי אפרייסן פון די ערליכע רבנים דארף מען טאקע אויסנוצן דעם שוואכקייט פון דעם מענטש הנקרא 'נייגעריגקייט' און גרינדן צייטונגען, און עס מאכן זייער אינטערעסאנט און דארט אריינטוהן גיפט און כפירה, לײדער איז אט דער בייפאל זיי גאר גוט געלונגען, אט דורך די אידישע צייטונגען האבן זיי מצליח געווען אפצופירן רוב כלל ישראל פון דער אידישער אמונה, ביז'ן ווערן אינגאנצן פארפאלן לעולמי עד פון כלל ישראל.

די משכיל'ישע צייטונגען זענען געווען געדרוקט מיט א פליסיגן אידיש, זיי האבן געהאט גוטע געניטע שרייבער וועלכע האבן גוט אפגעלערנט וויאזוי צו מאכן גוט פילן די ליינער, וויאזוי מען זאל מאכן אז די ליינער זאלן ווערן צוגעבינדן צו די נייעס, זיי האבן געברענגט די נייעס און דארט אריינגעגאסן אלע זייערע גיפטיגע געדאנקען וועלכע האבן ענטהאלטן 'ארויסרייסן די תמימות'דיגע אמונה' און 'אריינברענגען שעצונג צום גוי'אישן אייראפעאישן לעבנס שטייגער' 'אפלאכן פון ערליכע רבנים' 'אריינברענגען אויפגעקלערטקייט צווישן די שווארצע אידעלעך און עפענען זייערע פאנאטישע קעפ' עפ"ל, און דאס האט לײדער גוט געארבעט זיי האבן מצליח געווען אז יעדער איינציגער פון זייערע ליינער זענען זיינע קינדער אדער אייניקלעך שוין געגאנגען ווי פאלנע גוים, און זענען פארווארפן געווארן פון כלל ישראל לנצח נצחים ה"י.

די אידן וועלכע זענען געווען צוגעבינדן צום ערליכן רב פון שטאט און מקיים געווען ולדבקה בו, זיך באהאפטן צו תלמידי חכמים, איבערהויפט חסידי'שע אידן וועלכע פלעגן זיין שטארק צוגעבינדן צו א צדיק, און פלעגן כסדר פארן צו אים, זיי האבן געוואוסט דעם אמת, זיי האבן געגלייבט דעם רב אדער צדיק אז מען דארף ציטערן צו נעמען אין דער האנט אריין די צייטונגען, אויף זיי האבן די משכילים כמעט נישט מצליח געווען, ווייל זיי האבן טאקע נישט אין דער האנט גענומען זייערע צייטונגען, אבער דער המון עם די וועלכע זענען געווען שוואך און ווייט פון לימוד התורה און נאנטשאפט צו תלמידי חכמים און צדיקים, די זענען אריינגעפאלן אינעם

# אדווערטייזמענט איבערבליק

א בליק אויף פארשידענע עדס אין די לעצטע צייט אין די היימישע אויסגאבעס

### מיר זענען מענטשן פרעסער




דא קענט איר זעהן ווי 2 אינגלעך מיט מזרחי קאפלעך האלטן א ריזיגן סענדוויטש וואס איז באלד גרעסער פון זיי, און בייסן אריין בשמחה רבה.

דאס דארף זיין א מעסעדזש פאר אונזערע קינדער, איבער דעם גליק פון א 4 אינטשיגע סענדוויטש, און א קלארע אנווייזונג וויאזוי מען דארף צו עסן.

מיר קענען קויםווארטן צו זען דעם בילד וויאזוי דער טאטע פון אט די קינדער בייסט אריין אין א סענדוויטש. מן הסתם זיינס איז בערך אזוי הויעך ווי די נייע הויכע 2 פיסיגע שטריימלעך...

### דער פארזיכערונג פאר 'פליישיג פאביע'




איר געדענקט נאך די צייטן וואס מען האט געהאט די 'פאביעס' וועגן מילכיג/פליישיג? מער נישט!

מ'קען שוין רואיג עסן טשאלענט אפי' 5:00 שבת נאכמיטאג, און מוצאי שבת ביים זמן עסן פיצא! פאר אט דעם פרישן פארעווען טשיז עד איז נישט גענוג געווען צו שרייבן אז מ'האט פארעווע טשיז, נאר מען האט געמוזט חוזק מאכן פון די 'פליישיג פאביע'.

יא, ערליכע אידן זענען שטאלץ צו האבן א 'פליישיג פאביע'. און נישט נאר בשר וחלב, נאר מיר זענען איבערגליקליך צו מורא האבן פון סיי וועלכע עבירה. די גמרא אין שבת זאגט אז דער אויבערשטער האט א אוצר וואס דארט לייגט ער די 'יראת שמים'. און יא, אונזערע פאביעס ווערן דארט אוועקגעלייגט.

### 'פיטנעס צענטער' זכר ליציאת מצרים




אין אלע 'היימישע געגנטער' רופט מען דעם עולם צו פראווען דעם יו"ט פסח אין 'האנטערס'.

די שאלה איז נאר ווען מען גייט דארט 'האנטן'... אפשר גייט מען צוריקהאנטן די אידן קיין מצרים? ווער ווייסט.

אויסגעשפרייטן נעץ און זענען נעבעך פארלוירן געגאנגען.

עס דארף באטאנט ווערן, אז היינט צוטאג'ס איז דער נאמען "משכילים" זייער שרעקעוודיג ב"ה, וויבאלד מען ווייסט אז זייער סוף איז געווען זיך צו שמד'ן רח"ל, אבער ווער עס ווייסט אביסל היסטאריע ווייסט אז רוב משכילים שר"י האבן אין אנפאנג בכלל נישט געוואלט אז זייערע קינדער זאלן טאקע אנקומען צו שמד, און נישט אין יעדער צייטונג זייערע האבן זיי געצילט בפירוש אין אנפאנג דוקא אויסצורייסן אמונה, פיל פון זיי זענען געווען אזעלכע וועלכע האבן געהאלטן אז דער כלל ישראל דארף באמת אריבערגיין א 'טויש' א רעפארם, אז דער וועג פון זיין פארמאכט מוז זיך טוישן, מען קען נישט בלייבן אין א קעסטל פארמאכט, מען מוז אביסל עפענען דעם קאפ פון אידן, אבער ליידער מיט דאס ביסעלע עפענען איז דאס געווארן אויפגעריסן אינגאנצן און ביז א דור צווייי איז שוין גארנישט געבליבן, און אלע זענען אנגעקומען צו שמד ר"ל.

## מערקווירדיגער פאקט אין די צייטן פון דעם חפץ חיים זלה"ה

עס איז אינטערסאנט אנצומערקן אז אין ספר זכור למרים פון דעם חפץ חיים זצ"ל באדויערט ער דאס וואס מאנכע פראסטע נעמען זיך צוזאם אין א בית ועד כדי צו ליינען צייטונגען, ער באדויערט די אלע מכשולות וועלכע קומען ארויס דערפון, אויסער פון ביטול תורה, זעלבסטפארשטענדליך אז די ווערטער זענען געזאגט געווארן פאר זייער שוואכע אידן וועלכע זענען געווארן פארכאפט דורך די פראסטע סארט אנפירער פון די פלעצער.

מנהיגי ישראל באשליסן צו גרינדן אייגענע צייטונגען פאר'ן שוואכן המון עם כדי זיי זאלן נישט פארפאלן גיין

דעמאלט זענען אויפגעשטאנען פארשידענע צדיקים און גדולי ישראל זיעועכי"א וועלכע האבן צוגענומען דעם געווער פונעם מצרי, זיי האבן געוואלט ראטעווען דעם שוואכן המון עם וועלכע פאלן אריין אין דעם אויסגעשפרייטן נעץ פון די משכילי'שע צייטונגען, און האבן געגרינדעט פארן שוואכן המון עם א אידישער צייטונג, די צייטונגען זענען פארשפרייט געווארן אין אלע שטעטלעך, אלעס כדי צו ראטעווען דעם שוואכן סארט איד כדי ער זאל נישט ארײנפאלן ח"ו צו זייער נעץ, ווי באקאנט זענען געווען אזעלכע צייטונגען ביי די ליטווישע קרייזן, און ביי די חסידי'שע קרייזן איז געווען דער צייטונג מחזיקי הדת געגרינדעט דורך הרה"ק מהר"י מ'בעלזא זצוק"ל.

פארשטייט זיך אז דאס האט ווייט נישט געמיינט די חשוב'ערע קלאס אידן, ד. ה. די תלמידי חכמים זיכער נישט חסיד'ישע אידן אויך נישט און אפילו מער פשוט'ע אידן אויך נישט, ווייל זיי האבן נישט געדארפט צוקומען צו אזעלכע 'הצלות', זיי זענען געווען ארײנגעטוהן אין דער ריינער און ערליכער השקפה, זיי וואלטן קיינמאל נישט אנגעקומען ארײנצונעמען א משכילי'שער צייטונג אין די הענט, אבער מיט דעם אלעם האט מען דערמיט געראטעוועט דעם שוואכן המון עם, כדי זיי זאלן נישט פאלן אינגאנצן, ווערנדיג אנגערייצט פון דער גיפטיגער ציהענדער שרייב מאטריאל.

## נאך דער צווייטער וועלט'ס קריג

אין דעם לעצטן דור נאך דער צווייטער וועלט'ס קריג זענען פון דאסניי געגרינדעט געווארן צייטונגען ביים היימישן ציבור, אויך דורך גדולי ישראל זיעועכי"א, און אויך כדי אפצוראטעווען דעם גאנצן ציבור פון די נעצן וואס די פרייע האבן אויסגעשפרייט וועלנדיג ארײנשלעפן אלע פרומע אידן צו דעם רעיון הציוני און ענליכס מיט'ן ציל זיי אפצופירן ח"ו מעל דעת קונם, די צייטונגען זענען געווען געווידמעט פאר די פשוטי עם כדי זיי זאלן האבן וואו צו ליינען די נייעס, און נישט פאלן לטרף פאר די פרייע צייטונגען, עס זענען אויפגענומען געווארן תלמידי חכמים פאר דעם צוועק איבערצוזיפן דאס וואס מען שרייבט כדי עס זאלן נישט ארײנפאלן דערין מכשולות אומוועלנדיג, און אויך כדי עס זאל זיין ווי ווייניגער אויסגעשטעלט אראפצובברענגען די יוגנט, עס איז געווען געאייגנט פשוט צו האלטן אינפארמירט די שוואכערע בעלי בתים וועלכע מוזן צוקומען צו ליינען נייעס.

פארשידענע קרייזן האבן געהאט די צייטונגען, אבער עס האט געהאט א מינימום פון א סטאנדארט וואס מען זאל יא שרייבן און וואס נישט, מיר גייען נישט אריין וויפיל די אלע האלטן זיך צו די פרינציפן, אבער פיל ערגער אן א שיעור זענען אפירגעקומען א גאנצע רייע ניי געגרינדעטע פלאטפארמעס, נישט דוקא צייטונגען נאר פארשידענע מאגאזינען און אויסגאבעס, וועלכע ברענגען ממש צוריק די צייטן פון משכילי'שע צייטונגען, זיי פאנגען מענטשן דורך ברענגען אלע מיני אינטערעסאנטע ווענגן, און צילן פשוט צו טוישן דעם יוגנט.

## ביישפילן פון מאגאזינען וועלכע ברענגען צוריק 'משכיל'ישע אויפגעקלערטקייט'

מיר ווילן נישט זיך לאזן הערן מיט סתם שארפע סלאגאנען, מיר ווילן פשוט ברענגען ביישפילן, ירא הקהל וישפוט, דער ציבור זאל אליינס באשליסן אויב עס איז נישט אזוי דער פאקט, אז עס קענען ווערן ארײנגעכאפט אין פליסיגע אידיש מאגאזינען רעיונות וועלכע דערמאנען די אלטע פארצייטישע משכילי'שע תקופה, און דער ציבור זאל פארשטיין וויפיל עס קען ח"ו פארגיפטן דעם יונגן דור, און נישט מאכן דעם זעלבן טעות פון רוב ערשטע משכילים וועלכע האבן געמיינט אז מען וועט זיך בלויז אביסעלע טוישן און ארײנברענגען עטוואס 'אויפגעקלערטקייט' און עס וועט גארנישט פאסירן, מיר וועלן דאס ברענגען אן נעמען פארשטייט זיך, אבער עס שרייט ארויס פון געוויסע שרייבער אז זיי האלטן אז מען דארף 'אויפקלערן' דעם דור, מען דארף זיי ארויסנעמען פון דעם תמימות, צומאל זענען די שרייבער'ס שוין אזוי אנגעליינט אז זיי ווילן גארנישט און צילן גארנישט, זיי שרייבן בבחינת 'הוא הי' אומר' זייער וועזנהייט ווייסט שוין נישט עפעס אנדערש, ער ברענגט פון קריסטליכע מקורות אזוי ווי פון

## די גוטע זאך פארוואס נייעס איז באשאפן געווארן

יעדע זאך אויף דער וועלט דארף מען דאך קוקן פארוואס עס איז באשאפן געווארן, עס איז דא אמאל וואס אט די נייעס איז וויכטיג און קומט צו נוץ פאר א מענטש, הגה"צ רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א שרייבט אין זיין ספר 'לקט אמרים' פאר א מענטש וועלכער גיבט זיך אפ מיט גייסטישע פראבלעמען, אז פאר מענטשן וועלכע ליידן פון גייסטישע פראבלעמען און זענען פארנומען כסדר אז קיינער ארום זיי פארשטייט נישט וויפיל זיי ליידן און זיי ליידן באמת זייער שטארק. פאר אזעלכע מענטשן, צומאל ווען עס ברעכט אויס מלחמות און אט די מענטשן הייבן אן צו פילן די ליידן פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג ארום און ארום און זיי זענען פארנומען דערמיט, דאן פארגעסן זיי פון זייערע פערזענליכע ליידן און עס ווערט זיי גרינגער. ער שרייבט אז א מענטש האט אים פערזענליך דערציילט אז ער זעלבסט אידער די צווייטע וועלט קריג האט אויסגעבראכן האט ער זיך געפונען אין א שפיטאל פון גייסטיגע קראנקע ל"ע אין רוסלאנד, און פון ווען עס האט אויסגעבראכן די מלחמה, האט ער אנגעהויבן צו זיין פארנומען מיט די אלגעמיינע צרות (אמת'ע צרות) און זינט דעמאלט מסיח דעת געווען פון די אייגענע צרות, ממילא איז אים געווארן גרינגער און ער איז געווארן צוריק כאחד האדם...דאס איז אפשר איין גוטע זאך וואס נייעס קען ברענגען פאר מענטשן.

אנגענומענע מקורות, בויעט אויף ארכעאלאגישע געפינסן אזוי ווי ריכטיגע מקורות פון חז"ל.

אין א געוויסער מאגאזין פון פליסיגע אידיש האט א שרייבער געהאט א ברייטע אפהאנדלונג איבער א תקופה וואס האט זיך אפגעשפילט לשיטתו נאך חורבן בית שני, אז מען האט געוואלט בויען א דריטע בית המקדש, מיר וואלטן זיך נישט געוואגט צו ברענגען די לשונות, אבער כדי צו אויפוואכן דעם ציבור פון וואס מען האנדלט דא, מוז מען ציטירן א טייל פון ציטאטן כדי מען זאל גערעטעוועט ווערן פון אזעלכע מכשולות.

ציטאטן פון יענע באשרייבונג: "עס דארף אנגעמערקט ווערן אז רוב מקורות וואס דערציילן די פרטים פון געשיכטע פון בויען זענען קריסטליכע מקורות"

נאכן דערציילן די געשיכטע באזירט אויף קריסטליכע מקורות  און נעמט דאס גאר אן אלץ אמת גייט ער אריין א דין ודברים "פארוואס ווערט די דאזיגע געשיכטע נישט דערמאנט אין חז"ל?"

דא ענטפערט דער שרייבער אן אייגענע ענטפער בזה"ל: דער פשוט'סטער ענטפער איז אז ווי באקאנט האבן געווינסן אסאך טאטע'ס און דורכפעלער זענען יתומים, קיינער וויל זיך נישט אידענטיפיצירן מיט א טרוים וואס איז אדורכגעפאלן" דאס מיינט דער שרייבער האלט אז פארוואס האבן חז"ל נישט באשריבן דעם פרואוו צו בויען א דריטער בית המקדש וואס די קריסטליכע מקורות זענען מעיד דערויף, איז ווייל חז"ל האבן זיך געשעמט מיט'ן דורכפאל עס איז פשוט געווען א פלאפ דעריבער האט מען פשוט נישט גערעדט דערוועגן עפ"ל.

נאך שרייבט ער "נאך דריי הונדערט יאר פון טרויערן אויפ'ן חורבן בית המקדש האט זיך צוביסלעך איינגעגעסן דער פאקט אז מען דארף צוקומען צו א געטליכער משיח" "אזוי אויך זענען די חכמים נישט געווען אזוי אנטציקט איבערן גאנצן געדאנק פון דעם נייעם בית המקדש וויסנדיג אז דער כלל ישראל איז געווען צעשפליטערט צווישן פילע סעקטעס צדוקים ביתוסים איסיים" עפ"ל, דער שרייבער לייגט פאר די חכמים כאילו זיי וואלטן נישט געטוהן אלעס געגעבן מיט אנווייזונגען מן השמים, ער איז מאריך דארט מיט זיינע נארישע סברות כאילו זיי האבן פשוט געמאכט פאליטישע באשלוסן, כאילו עס האט גארנישט צו טוהן מן השמים צו בויען דעם בית המקדש, און די אלע נבואות פון די הייליגע נביאים אויף משיח'ס קומען "איז געווארן איינגעגעסן נאך 300 יאר ביי כלל ישראל" לויט די געשיכטע וואס ער לייגט פאר פון קריסטליכע מקורות, אינטערעסאנט אויב לכבוד ערב פסח וועט דער שרייבער פון מאמענט פארלייגן פון קריסטליכע מקורות דעם בלוט בלבול דורכאויס די דורות, און זיך אפוואונדערן "פארוואס ווערט נישט דערמאנט דער מנהג פון בלוט אין די מצות אין אונזערע מקורות?"

פארן אריינגיין אין די אלע גיפטיגע געדאנקען, לאמיר איין מינוט זיך אפשטעלן, א היימישער מאגאזין שרייבט איינער וועלכע איז אנגעליינט פון קריסטליכע מקורות?! אט דאס ליינען אונזערע קינדערלעך אויף אידיש?!

דערנאך גייט דער שרייבער אריבער צו אנדערע מקורות וואס לויט זיי בויעט ער זיין ווייטערדיגע געשיכטע, לויט געפינסן פון ארכעאלאגן, ווער עס איז אביסל באקאנט ווייסט אז די ארכעאלאגן האבן פילע ווערסיעס און לעגענדעס פון תקופות פון מיליאנען יארן צוריק עפ"ל, וויאזוי מעג א אידישער מאגאזין אריינברענגען אזעלכע געדאנקען אין היימישע שטיבער אלס א פשוט'ע און אנגענומענע זאך, אז די ארכעאלאגן'ס מיינונגען האבן עפעס א האפט, עס איז דאך סותר אלע יסודות פון בריאת שמים וארץ.

עכ"פ מיר האבן אנגעכאפט נאר אחת מני אלף, איינס פון פילע ביישפילן וועלכע גייען אריין לכתחילה אין  געוויסע 'היימישע מאגאזינען' וועלכע האבן נישט קיין שום קאנטראל, זיי גייען נישט נאך ווער עס זענען די שרייבער, וואס איז זייער מיינונג, וויפיל יראת שמים האבן זיי, און וויפיל גוי און קריסט זיי זענען און עס מאכט אן א חורבן אויפ'ן צוקונפטיגן דור, די עלטערן דארפן זיכער זיין וואך דערויף, און ווען איינער זעהט עפעס דארף מען מעורר זיין אנדערע און אוודאי וויזן פאר רבנים און ראשי ישיבות מגידים און מעוררים אז זיי זאלן אויפמערקן דעם כלל ישראל דערוועגן.

# מעסעדזשעס

## מכים גלים לטובה

כבוד המערכת,

הגליונות שלכם מכים גלים לטובה.

זכורני כדי הייתי טליא, כבחור צעיר בישיב"ק, בתקופה שעניינים גשמיים כאלו כובשים המח, הי' לי מגיד שיעור מבני ליטא, שהלך בדרכיכם ללעוג למאס הגשם והפראסטקייט שבהפרסומות דאז באופן של ליצנותא דע"ז, ואכן עד היום אני מכיר תודה אליו, על המיאוס שהנחילנו.

היות שכמובן, ישנם אנשים הנפגעים מדיבורים כאלו, ע"כ העצה היעוצה לכתוב בנחת ובנעימות, ואדרבה עי"כ יהי' דבריכם נשמעים ביותר, כמשה"כ דברי חכמים בנחת נשמעים. וחפץ ה' בידכם יצליח.

אבקשכם לשלוח אלי גליונות הקודמים א-ה שעדיין לא ראיתים.

יישר"כ

• • •

## קאזאק הנגזל, קודם באצאל מיר...

ישר כח פארן נאכאמאל ארויסקומען מיט א גליון, ס'איז געוואלדיג ב"ה כה לחי!!! און חזק ואמץ, וועגן דער טוען תורני וכו' וואס פארלאנגט די 200K פאר יעדע געשעפט וואס מען האט מבזה געווען וואלט איך איהם געוואלט שיקן די בילס פון די שווערע צעהנליגע טויזנטער דאלארן וואס קאסטן ליידער ארויסצושלעפן די טייערע בחורים און מיידלעך וואס פאלן אין אפגרינד רח"ל און א גרויסע חלק איז צו פארדאנקען אט די אלע געשעפטן מיט זייער אדווערטייזערס און גויאשקייט ווי זיי שלעפן אריין די יונגוואר, איך מיין אז אויב וועט ער קודם מסדר זיין די אלע ביל'ס וועט נאך זיין גענוג און נאך צו באצאלן זיין אנטשעדיגונג און נאך בלייבן מיט רעשט, או לאותה בושה, דאס איז א רעכטער "קאזאק הנגזל".

בנוגע וואס איינער האט אנגעפרעגט וועגן מקורות אויף פיצערייי מיט די מלבושים, איז דא אן א שיעור מקורות, צום אלעם ערשטן איז באקאנט דער מדרש רבה אין בראשית כב, ו  וואס די ספרי מוסר ברענגען צו "כיון שרואה היצר אדם שתולה בעקבו, ממשמש בגדיו ומסלסל בשערו, אומר זה שלי", אויך דער מסילת ישרים אין פרק י"ג רעדט ער באריכות ובלשונו הקד', "המלבושים והקשוטים לא הזהירה התורה על יפים או על תבניתם, אלא שלא יהי' בהם כלאים ויהי' בהם ציצית ואז כולם מתרים, אמנם מי לא ידע שמלבישת הפאר והרקמה תמשך הגאוה וגם הזנות יגבל בה, מלבד הקנאה והתאוה והעשק הנמשכים מכל מה שהוא יקר על אדם להשיגו", אויך אין רמב"ן הקד' אין פרשת נשא ביי די פרש' פון סוטה און נזיר זאגט ער אזוי, "ורבותינו אמרו עוד למה נסמכה פרשת נזירות לפרשת סוטה שכל הרואה סוטה בקלקולה יזיר עצמו מן היין, והטעם כי זנות יין ותירוש יקח לב, וגידול השער, הפך הבחורים שער ראשם להתנאות", זעה מיר די הארבקייט פון זיך שיין מאכן און צו וואס דאס ברענגט, ועי' עוד בספה"ק דברי יחזקאל עה"ת פרשת וישב עה"פ ותתפשהו בבגדו דברים קילורין לעינים.

נאכאמאל א גרויסן ישר כח פארן טוהן חזקו ואמצו

• • •

## פארוואס אזוי וויינ'ג?

איך רוף יעצט וועגן די פרישע אויסגאבע, איך בין זיך ממש מחי', ס'טוט ווי וואס מ'טוט מיט אונז, מיט די נייעס און עדס, מיר פרייען זיך אז מ'ברענגט עס אזוי שיין ארויס. איך בין זיכער אז ס'איז עושה רושם. מ'קען זיך נישט פארשטעלן ווי ווייט מ'קומט אן. מיין קריטיק איז אבער פארוואס אזוי וויינ'ג, מ'דארף אסאך מער באמבאדירן וויאזוי די עטליכע משולי המחנה רוקן זיך אריין צו אונז אויף פילע פראנטן. אנגעהויבן מיט די עדס, דערנאך ביי די חתונות מיט די מוזיק ווי מ'ברענגט אריין דעם גאנצן גוי, און נאך אסאך וועגן.

יישר כח אין נאמען פון מיר, מיין משפחה, חברים, און אלע אידן וואס ס'טוט ווי וואס מ'האט געטוהן מיט אונז.

## מתוך דברי הגה"צ רבי **אביגדור מיללער** זצ"ל

גענומען פון דעם גליון "תורת אביגדור" פר' תצוה

ווען א כהן טוט זיך אן זיינע בגדים, וואס טוט ער דערמיט דעמאנסטרירן? ער רופט אויס "דא איז דער הויז פון השם, און איך בין זיין באדינער". א באדינער פון א קעניג להבדיל, איז אויך אנגעקליידעט אויף א ספעציעלן וועג. ס'איז א שטאלץ פאר דעם קעניג ווען אלע זיינע באדינער, זענען געקליידעט לויט א געוויסע פראטאקאל און אויפפירונג. און דאס האבן די כהנים געטוהן. ווען א כהן טוהט זיך אן די בגדים, נעמט ער דעם ערשטן שטאפל אין עבודת ה'. ער טוט זיך אן, און דערמיט טוט ער זיך אידענטיפיצירן מיט די עבדי ה'. עס איז וויכטיג אויסצוקוקן ווי אן עבד ה'. אויף אזוי ווייט איז דאס וויכטיג, אז דאס טוט טוישן די דמות פון זיין עבודה. ער איז באקליידעט מיט די בגדים פון א עבד ה', דערפאר איז ער יעצט א כהן אן עבד ה'. ער איז נישט קיין זר!

מיר לערנען דערפון א שטארקע לעקציע. מיר לערנען ווי ווייט די חיצוניות באדייט, וויפיל עס מיינט די דרויסנדיגע אויסזעהן וואס א מענטש שטעלט פאר, מיר לערנען וואס דאס מיינט זיך אנטאן א שווארצע הוט. גייסטו יעצט פרעגן "וואס פאר א חילוק טוט דאס שאפן? איך בין א פרומער איד, מיין קאפ איז אנגעפילט מיט תורה. וועמען גייט אן וואס איך לייג ארויף אויף מיין קאפ? א גרויע הוט, א בלויע הוט, בכלל קיין הוט, וועמען גייט עפעס אן איבער א הוט? ניין. א שווארצע הוט מאכט א דיפערענץ, אלע דיפערענצן פון די וועלט. איינמאל א מענטש דעמאנסטרירט קלאר אז ער באלאנגט צו הקב"ה, איז דער מענטש אנגעקומען צו איינע פון די גרעסטע דערגרייכונגען, אז די גאנצע וועלט מעג אים מקנא זיין. ווען א איד טוט זיך אן א שווארצע הוט, זאלסטו וויסן אז דאס איז נישט סתם א מנהג. א שווארצע הוט באדייט עפעס. דו טוסט זיך אינדענטיפיצירן מיט די תורה וועלט, מיט אלע מענטשן וואס זענען שלומי אמוני ישראל. און דאס איז א געוואלדיגע דעמאנסטראציע.

עוטר ישראל בתפארה! השם האט אונז באקרוינט מיט א פרעכטיגע קרוין. עס קען זיין אפילו א אלטע הוט, מער נישט אזוי שיין אויסגעפארעמט, אבער עס איז פראכט. ווען דו טוסט אן א שווארצע הוט אויפן דיין קאפ - אודאי מאכט מען די ברכה אויף סיי וועלכע הוט - אבער א שווארצע הוט איז א עטרת תפארת, ס'איז א פרעכטיגע קרוין. דו מוזט דאס פארשטיין. און ס'איז נישט נאר די הוט, א יארמולקע איז אויך עפעס. דיינע ציצית העגנען ארויס אינדרויסן. דיין ווייסע העמד, דיינע פיאות. וואס ס'זאל נאר זיין, טוסטו זיך אינדענטיפיצירן מיטן עם השם!

אויך ווען דו זעסט א אידישן טראק-דרייווער קומט ארויס פון זיין דעליווערי טראק. א גרויסע כשר'ע טראק. עס שטייט דערויף אין גרויס 'מהדרין'. ער טאנצט ארויס פונעם טראק מיט בארד און פיאות. א טראק-דרייווער, דאס איז א קידוש השם. אנשטאט א באָם זאל ארויסקומען פונעם טראק, קומט ארויס א פרומער איד. ער דרייווט א טראק צו ברענגען כשר'ע עסנווארג פארן אויבערשטנס פאלק. ער איז נישט פארביטערט. ער איז שטאלץ זיך ארויסצושטעלן צו זיין אנדערש. ער טראכט אפילו נישט אריין דעריך, אבער ער גייט ארום דעם גאנצן טאג, אויסרופנדיג "איך בין דעם אויבערשטן'ס".

איך וועל געבן דא א משל. פארשידענע פאליציאנטן, ווען זיי זענען געווען יונג, זענען זיי געווען טראבל-מעיקער'ס. זיי זענען געווען נידריגע מענטשן. אבער נאך זייער אריינטרעטן אין די פאליציי-קראפט, נאך זייער אנטוהן די יוניפארם, שטעלן זיי זיך יעצט פאר גערעכטיגקייט און ארדענונג. זיי טוהן דאס באמת. נאך יארן לאנג טראגן די יוניפארמ'ס, די דאזיגע נידריגע מענטשן, די טראבל-מעיקער'ס, ווערן זיי יעצט גערעגט ווען איינער ברעכט דאס געזעץ. וויאזוי קען דאס זיין? איך וועל דיר זאגן ווי אזוי דאס פאסירט. די יוניפארם'ס זענען דאס וואס האט זיי געטוישט ! עס מאכט זיי פילן אז ס'איז זייער אחריות. זיי זענען געשטעלט פאר עפעס. די קלארע דעמאנסטראציע מיינט עפעס, און מיר זאלן דאס נישט מזלזל זיין. יעדער פאראנטווארטליכער מענטש ווערט אפעקטירט דורך א יוניפארם.

דאס איז א פשוט'ע פאקט אז א מענטש וואס איז געקליידעט רעספעקטפול, בכבוד'יג, טוט דאס אפעקטירן זיין כאראקטער. דער פאליציאנט אין זיין יוניפארם, אזוי אויך דער דאקטאר אין זיינע בגדים, און דער מענדזשער אין באנק אנגעטוהן מיט זיין סוט, דאס האט א אומגעהויערע עפעקט אויף דעם וואס טראגט די דאזיגע בגדים. און דערפאר, ווען דער כהן טוט זיך אן די בגדי כהונה, להבדיל, טוט דאס אים אויטאמאטיש טוישן, און ס'פילט אים אן מיט א געפיל פון אחריות זיך צו פירן ווי א כהן.

יעצט, איך גיי נישט זאגן אז דאס איז שוין אלעס וואס מען האט צו טוהן. אין קיין שום פאל! רחמנא ליבא בעי! דער אייבערשטער וויל דיין הארץ, דיין פנימיות. דאס איז קלאר. דו קענסט נאר ווערן חשוב, נאר דורך'ן זיך אנפילן מיט תורה'דיגע געדאנקען, תורה'דיגע אויפפירונג, און תורה'דיגע השקפה. זאלסט אבער וויסן, אז אפילו נאר מיט דעם פשוט'ן חיצוניות'דיגן ארויסשטעלן זיך אלס עבד השם, ביסטו שוין אויך אנגעקומען צו א חשוב'ע מצב, צוליב וואס אלס רעזולטאט דערפון ביסטו געווארן א מער ערליכער מענטש. וועגן דעם, איז דאס סיי פאר דיר אליין און אויך פאר דיין פאלק, א שטענדיגע אויפטו.

## בארפעס! א נייע סטייל!

טייערע אידן גרייט אייך צום ספעקטאל פון אונזער תקופה. אט קומט זומער, און א פרישע ערשיינונג איז אויפן וועג. קינדער אן קיין זאקן... יא, אזוי ווי איר זעט, קינדער אן קיין זאקן.

ווען מיר זעען א קינד אן קיין זאקן ווערט אונזער הארץ פול מיט רחמנות אויף דעם ארימען שעפעלע וואס דער טאטע האט נישט קיין זאקן צו געבן. יעדער איד וואלט זיכער אוועקגעגבן א פאר זאקן פאר דאס ארים קינד, און אפשר אפיי' געשיקט א שבת פעקל צו די עלטערן, און מיטגעלייגט זאקן פאר די גאנצע משפחה.

אבער אצינד איז דאס א סטייל. נאך וואס די סטייליניסטן האבן ארעסטירט טויזנטער קינדער אין די פלאצעדיגע הויזן, האבן זיי אצינד אוועקגענומען די זאקן פון די קינדער. און ווען איר וועט זעהן א קינד אן זאקן קענט איר שיקן צו די עלטערן א שבת פעקל מיט זאקן און אויך אביסל שכל.













צו איבערלאזן א מעסעדזש פאר די מערכת רופט:
**845.320.5180**
realyiddishkiet@gmail.com
• הערות
• קאמענטארן
• געדאנקען